# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

Radom, dnia 17 czerwca 1932 r.

ראַדאָם, פרייטאָג י״ג סיון תרצ״ב

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אנאָנסען - פרייז:

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען
8 שפּאַלטען
" אין טעקסט 4

## מודעה

די וואַהל-קאָמיסיע פון דער יודישער קהלה אין ראַדאָם פאר'ן דורכפיהרען די וואַהלען צו דעם קהלה-ראט פאָדערט אויף די וועהלער אויפ'ן סמך פון § 29 פונ'ם וואַהל-רעגולאמין (דז. אוס. פּ. ר. 75 פון 1930) פאַרצושטעלען אין משך פון 5 טאָג אָנהויבענדיג פון 17 ביז דעם 22 טשערוויעץ 1932, איינשליסליך פון אז. 9 ביז אז. 14 א חוץ שבת אין לאָקאַל פון דער קהלה-פערוואַלטונג די קאַנדידאַטען-ליסטען אויף ראַט-מיטגלידער צו דעם קהלה-ראַט און זייערע פערטרעטער.

עס ווערט בעמערקט, אַז די צאָהל פון די מיטגלידער פון קהלה-ראַט בעטרעפט 18 קאַנדידאַטען און אַזוי פיעל פערטרעטער.

יעדער קאַנדידאַטען-ליסטע מוז פערזעהען זיין אמחוע-ניגסטענס מיט 50 אונטערשריפטען פון וואַהל-בערעכטיגטע וועהלער.

**די וואַהל-קאָמיסיע**
**פאר'ן דורכפיהרען די וואַהלען**
**צו דעם קהלה ראט אין ראַדאָם**

D-r MED.
**N. Szenderowicz**
*Choroby skórne i weneryczne*
**Elektroterapja**
Radom, Piłsudskiego 2.
**powrócił**

ב'ליגער
**ווי איבעראל!**
סמאָלע ערשטקלאַסיגע
פּאַפּע סמאָלאָווצאָווע און חייסע
פון בעסטען קוואַליטעט קוזשניצקי'ס
**אייזן, בעלקיס אייזערנע און אייזן-אויסארבייטונגן**
**קאַלעך (קעלצער) צעמענט, גיפּס און מאַטיס**
**טרזינאָווע, קוילען און קאָקס**
— — עמפּפעהלען — —
געבר. מרגליות ראַדאָם, קאָזשעניעצקאַ 6 טעל. 11—30
איינענע באַהן-באָטשניצע זשעראָמסקיעגאָ (לובלינער) 118
—— טעל. 12—30 ——

**Optyk Dyplomowany**
**Z. WĘGIER**
Absolwent Wyższej Szkoły Optycznej
w Jenie
RADOM ul Żeromskiego 25
POLECA
Okulary i binokle
Wykonanie recept ściśle według przepisów P.P.Lekarzy
**Obsługa ściśle fachowa** — Ceny b. przystępne
ZEISS PUNKTAL

Biuro Prośb i Podań
p. f. **„PROLITEX"**
RADOM, WAŁOWA ' oficyna 1-sze piętro.
ZAŁATWIA: Redaguje Podania:
Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.
Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.
Windykacje należności w całej Polsce.
**Informacje o zdolności kredytowej**
Przepisywanie na maszynach.
**wykupywanie patentów** na rok 1932.
Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

## צו אונזערע לעזער

מיר בעטען אונזערע ג' אַבאָנענטען צו רעגולירען די חובות פון אונזער צייטונג „ראַדאָמער לעבען" אַזוי פון די פריהערדיגע מאָנאַטען ווי אויך פאר'ן לעצטען חודש-אַבאָנאַמענט און ניט פערלאַנגען דער אינקאַסענט זאָל כסדר קומען צו זיי

# ער קליבט נדבות מיט איין האנד

## די אנדערע האלט ער אין „זאפאס" ביים ערקלערן זיך אין ליבע יונגע ווייבלעך..

די ראדאמער פרוי רבקה א. גיט אונז איבער א אינטערעסאנטען פאקט, וואס כאראקטעריזירט אמבולטסטען דעם פר-צוף פון די מחנות שנארער, יונגע און עלטערע, וואס פארפלייצען לעצטענס טאג-טעגליך די אידישע גאס.

צו איהר איז היינטיגע וואך אריין א יונגערמאן, א קאליקע אויף איין האנד און געבעטען א נדבה. נעהענדיג פאר זיך אזא אומגליקלעכען מענטשען מיט אנ'אראפהענגענדיגען פוסטען ארבעל האט זי זיך דערמאנט אן איהר אייגענעם ביטערען מזל, אז איהר מאן, וועלכער איז מיט א פאר יאהר צוריק געשטארבען בעת'ן אראפנעהמען איהם א קראנקע האנד און איבערגעלאזען איהר אנ'אלמנה מיט 4 קליינע קינדער אהן מיטלען צו לעבען.

זי האט אויף איהם רחמנות געקריגן און צוטראגענדיג איהם די לעצטע 5 גר. איהם א פרעג געטון בעת מעשה פון וואס עס איז איהם דאס אומגליק גע-קומען.

אויף דעם ארימאנס פראגע צו וואס זי אינטערעסירט זיך אזוי צו וויסען, האט זי איהם דערציילט די גאנצע טרא-גישע געשיכטע פון איהר פארשטארבע-נעם מאן.

—- איך פיעל אייך זייער מיט, פרוי — האט דער יונגערמאן איהר גענומען טרייסטען — און אויב אייך איז שווער ווי איך זעה צו טאהן א שידוך — בין איך גרייט מיט אייך חתונה צו האבען.

די פרוי איז נשתומם געווארען פון דעם אומבעקאנטענס דרייסטער אפנהער-ציגקייט און רופט זיך שעמעוודיג אפ צו איהם:

— אבער ווי אזוי זאל איך חתונה האבען מיט א ארימאן, וואס גייט אי-בער די היינער און נאך א קאליקע דערצו?

— ערגערט זיך ניט — רופט זיך אפ דער ארימאן — ס'איז ניט קיין שלעכ-טער געשעפט.

דערביי נעמט ער ארויס א אנגעפאק-טען טייסטער מיט אסיגנאציעס און ווייזט איהר. ער דערציילט איהר אויך, אז קיינער אנטזאגט איהם ניט און ער מאכט א פיינע קאפיקע. אליין איז ער —- זאגט ער — א ווארשאווער, א גע-וועזענער אנגעשטעלטער אין א געשעפט און אויב זי איז מסכים מיט איהם חתו-נה צו האבען וועט ער די דאזיגע פרא-פעסיע אוועקווארפען און זיך נעמען צו עפעס אנדערש.

אויף דער פראגע פון דער פרוי ווי אזוי קען ער צו עפעס טויגען, אז ער איז א קאליקע, אהן א האנד נעבעך, האט דער יונגערמאן גלייך אפגעשפילעט די מארינארקע און צו איהר גרויס פאר-וואונדערונג ארויסגענומען א... צווייטע געזונדע האנד, וואס איז געווען ביי איהם קונציג פערשטעקט און אויסבע-האלטען.

די פרוי האט איהרע אייגענע אויגען נישט געגלויבט. א קעלט איז דורך אי-בער איהר לייב און זי האט איהם גלייך א זאג געטוהן: גייט, גייט, איך וועל זיך מיישב זיין!

— מיט וואס-זשע אבער גיי איך פון אייך אוועק? — איז דער ארימאן פון איהר נישט אפגעשטאנען.

— מיט וואס? — האט די פרוי אי-בערגעחורט איראניש זיין פראגע — געקומען זייט איהר, געבעך, מיט איין האנד און אוועקגיין גייט איהר אוועק, גאט צו דאנקען, מיט ביידע הענד...

# זעלבסטמארד פון א שילער

## וואס האט נישט בעקומען די מאטורע

א שילער פון היגען פוילישען לעה-רער-סימינאריום האט די טעג אויסגע-פיהרט אויף זיך א זעלבסטמארד. ער האט זיך דערשאסען הינטער דער שטאדט, ווייט ארויפצוציהער נאך דער לובלינער גאס, וואו די באהן געהט אדורך.

דער שילער הייסט ראמאן טשעפעל-סקי, פון סקארזשיסק. ער איז געווען אויפ'ן פינפטען אבער לעצטען קורס און שוין געזאלט בעקומען מאטורע. ער האט שוין געהאט געמאכט די שריפטליכע עגזאמענס אבער נישט צו-געלאזען געווארען צו די אויסענוועניגסטע (אוסטנע.)

דעם זעלבסטמערדער האט מען גע-פינען נישט ווייט פון דער זוטע „ווי-דאק." דער קאלנער מיט'ן קראוואט זענען געלעגען בעזונדער. ער האט זיי אויסגעטוהן פאר'ן ערמארדען זיך. אין דער רעכטער האנד האט ער נאך גע-האלטען צונויפגעדריקט דעם רעוואל-ווער.

אויפ'ן ארט, וואו ער האט זיך גע-שאסען איז דאס העמד נישט געווען פערבלוטיגט נאר בלויז פערמאזשעט מיט רויך פון דער רעוואלווער-קויל. דאס בעווייזט. אז ער האט דאס העמד אין דער ריכטונג פון הארץ אוועקגע-בויגען און דירעקט אריינגעלאזט די קויל אויף יענעם ארט.

טשעפעלסקי איז געווען עטליכע טעג אין סקארזשיטק ביי זיין פאטער א עמערעטירטען באהן-מאשיניסט, פון וואנען ער האט געברענגט צו פיהרען דעם רעוואלווער.

# פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ראדאם.

## אפעל צו די יודישע ארבייט'ס-געבער וועגן באשעפטיגען די חלצים פון קבוץ „הסולל"

שוין העכער 3 וואכען ווי אין ראדאם האט זיך צייטווייליג איינגעארדענט דער שומרישער קבוץ „הסולל", זוכענדיג אין ראדאם ארבייט'ס-מעגליכקייטען, וואס זאלען ערמעגליכען די קבוץ-חברים די נויטיגע הכשרה-צוגרייטונג צו ארץ-ישראל און דעם אויפענטהאלט אויפ'ן ארט ביז דער אפרייזע. דער קבוץ האט זיין זיץ-ארט אינטער דער שטאדט אויף בארקי-גורנע און יעדען טאג דינשורי-רען צוויי שומרים פון קבוץ אין דער ציונ. ארג. בכדי אויפצונעמען ידיעות וועגן דער מעגליכקייט צו באשעפטי-גען די חברים.

דער עלעמענט פון קבוץ איז א מוסטערהאפטער, אזוי אין זין פון אר-בייט'ס קוואליפיקאציע, ווי אויך אין זין פון אינטענסיוויטעט ביי אלערליי שווע-רע ארבייטען, בעל-הבתישע און זאגאר רייכע קינדער פון זייערע היימען, פון כמעט אלע עקען פוילען (וולאצלאוועק, סלאנים, ווילנא, צענסטאכאו, א. א. וו.) טייל פון זיי דיפלאמירטע אינטעליגענ-טען, זענען זיי געקומען לעבען א שווער לעבען בכדי זיך צוצוגרייטען צו דער ארבייט'ס-אטמאספערע פון ארץ-ישראל.

ס'איז דעריבער א חוב פון אלע יו-דישע ארבייט'ס-געבער וואס נויטיגען זיך אין ארבייט'ס-הענד, צו באשעפטי-גען די א. ד. יוגענד פון קבוץ „הסולל" דאפיי דארפט בעמערקט ווערען, אז רא קומט אין בעטראכט אויפער פאבריק-ארבייט און נארמאלע בוי-ארבייט, אויך די שווערסטע שווארץ ארבייט אויף וועל-כע די שומרים פון „קבוץ" זענען גרייט אויף יעדען רוף.

די יודישע פאבריקאנטען, פארטאק-בעזיצער, ערד-באזיצער און בכלל אלע וואס דארפען אפילו אויף צייטווייליג ארבייט'ס-הענד, ווערען געבעטען צו מעלדען אין ציוניסטישען סעקרע-טאריאט.

# דראהונג'ס-בריעף צום ה' פרענקעל

ווי מען גיעט איבער האט דער פרע-זעס פון דער ראדאמער ציוניסטישער ארגאניזאציע ה' יחיאל פרענקעל בע-קומען צוגעשיקט אנ'אנאנימען בריעף. וואו מען דראהט איהם מיט לעבענס-געפאהר.

קיין געלד ווערט אין בריעף פון ה' פרענקעל נישט געפאדערט. דאס איז טאקע נאכמעהר אויפאלענד און ס'איז דעריבער אומפערשטענדליך, וואס יע-נע געהיימע האנד אין אויסען מיט'ן אבשרעקען ביז טוידט דעם ה' פרענקעל

זאל עס זיין אשטאס, אדער א נקמה?

— ניין, אין ביידע פאלען האלט עס דאך געווען די ארבייט פון יודישע הענד און יודען שפאסען גישט אזוי און נע-מען אויך נישט נקמה אויף אזא אופן

בלייבט דערווייל דער בריעף א רע-טעניש.

Rzeźnia Miejska
— sprzedaje —
LÓD SZTUCZNY po cenie: 4 gr. za kg. loco Rzeź Miejs. 6 gr. za kilogram z dostawę do domu
Zamówienia na lód uprasza się zgłaszać w godzinach od 8—15 w biurze Rzeźni, ul, Montwiłła Mireckiego 26
Osobiście lub telefonicznie. Telefon Nr. 10.35.

GARBATKA

piąty rok istnienia

PENSJONAT
L. Rozenbergowej
dla DZIECI
i MŁODZIEŻY

Poleca po gruntownym remoncie
piękne i słoneczne pokoje
Opieka wzorowa — Opieka wzorowa
Światło elektryczne, Radjo, kort tenisowy.
OTWARCIE DN. 5 MAJA
Uwaga: przez miesiące MAJ CZERWIEC pokoje dla dorosłych
Kuchnia rytualna djetyczna
Ceny konkurencyjne — Ceny konkurencyjne



Biuro próśb, windykacji i Buchalterji

„EXSPRES“

RADOM, ul. ŻEROMSKIEGO 9 (Jacka Malczewskiego 9)

za dostępną opłatą

Redaguje prośby, podania, odwołania umowy i t. p.

przepisuje na maszynach i tłumaczy wszystkie języki

załatwia korespondencję handlową i prywatną

windykuje należności miejscowe i zamiejscowe

Tanio! Szybko! Solidnie

Biuro prowadzone przez rutynowanego buchaltera p. Wajsmana





די נייעסטע און שענסטע
„טאפעטען“
אויף צימער-טאפעטירונג
בעדייטענד ביליג
פיזר-קויפט ש. שטיינמאי
ראדאם, לובלינער 21 №
ביטע זיך צו ערקונדיגן







# טענות פון ארבייטסלאזע

## הרב טייטעלבוים ערקלערט, אז מ'האט איהם געוואלט שלאגען

מיט הרב טייטעלבוים האט געטראפען א פייגליכער פאל. היינטיגען מיטוואך בעת ער איז געקומען אין גמינע, איז צו איהם צוגעגאנגען איינער פון די ארבייטסלאזע און איהם פארגעהאלטען פארגעהאלטען פאר וואס ער טהוט גארנישט פאר די יודישע ארבייטסלאזע. דער נעלבער האט איהם אויך פארגעווארפען, אז ער דערלאזט נישט אויך א צווייטען אינטערווענירען לטובת די ארבייטסלאזע. דערביי זאל יענער איהם האבען שהער און טיף בעליידיגט. פערשטעהט זיך אז הרב טייטעלבוים האט זיך נישט מודה געווען אין די איהם פארגעווארפענער בעשולדיגונג און ער האט יע גענומען געבעטען ער זאל זיך אפטשעפען פון איהם. דער ארבייטסלאזער האט דאס נישט אנגענומען פאר קיין פערענטפער און ס'איז אויסגעבראכן צווישן זיי א אינצידענט פון וואס דער סוף איז געווען, אז הרב טייטעלבוים האט שנעל פערלאזט די גמינע און איז אריין צו ה' גאלדבערג אויף ערסטען שטאק

הרב טייטעלבוים האט דערנאך געמאלדען וועגען דעם גאנצען פאל אין דער סטארחסטווא.

פון דער גמינעס זייט ערקלערט מען אז דער דאזיגער אינצידענט האט זיך אבגעשפיעלט אין דער קארידאר-שטוב און אזוי די גמינע-בעאמטע און אויך די זאוארעס האבען דאס אינגאנצען נישט בעמערקט.

# טפעטנטליכע ערקלערונג.

איך ערקלער עפענטליך אז די סכסוכים צווישען מיר און מיין ווירטה ה' משה לאנדא (רווינסקא 17) וועגען פערגלייכט געווארען אין בעסטען ארדנונג לויט א פסק דין פון ראדאמער רב הרב קעסטענבערג שליטה און איך בין מפייס דעם ה' לאנדא פאר די בעליידיגונג

גלייכצייטיג דאנק איך מיינע חברים שניידערס, בעזונדערס די ה"ה משה רובינשטיין און משה ראזענבוים, וואס האבען אוועקגעגעבען צייט און מיה ביים אויסגלייכען דעם סכסוך צווישען מיר און ה' לאנדא

מיט אכטונג

זאנוויל קאפערוואס

# א פערפלייצונג אין ראדאם פון אנאנימע בריעף.

ראדאם איז לעצטענס פערפלייצט געווארען פון א מבול פון אנאנימע בריעף.

צום ערשט איז געווען א שווארצע קראה, וואס האט זיך געטשעפעט צום היגען שיך-פאבריקאנט קלמן גאלדבערג ער זאל געבען אויסקויף-געלד 1000 זל. דערנאך איז געשעהען ווידער א מעשה מיט א צווייטען אנאנימען בריעף צום ה' יחיאל פרענקעל (וועגען דעם ברענגען מיר אויף אנאנדער ארט אין אונזער צייטונג.) און איצט הערט מען פון א פרישע געשיכטע מיט אנאנימען בריעף.

דער לעצטער אנאנימער בריעף איז איינגעפלאסען אין דער סטאראסטווא. דארט ווערט נישט מעהר און נישט ווייניגער געפאדערט אז מ'זאל אבראמען די שטעלען אויפ'ן מארק פון שוהל-פלאץ דער אנאנימער שרייבער פון בריעף גיעט צו פערשטעהען אז דאס ברויך געטוהן ווערען אין נאמען פון היגעניע און אז מ'איז אויך נישט אין גייסט פון יודישען דין, אז הארט ביי דער שוהל און בית מדרש זאל זיך געפונען א מארק. אין בריעף הערט אויך צוגעגעבען אז דאס סקאסירען די שטעלען אויפ'ן דערמאנטען פלאץ ברויך געשען צוליב קאנקורענץ טעמים: דאס מיינט מען די פלייש-שטעלען, וואס קאנקורירען מיט די אפענע יאטקעס, וועלכע האבענדיג גרעסערע אויסגאבען קענען זיי דערביי נישט לייזען אויפ'ן זעלבען פרייז.

דאס איז נאר איין פרט, וואס דארף בעוויינען, אז דער מארק אויפ'ן שוהל-פלאץ ברענגט שאדען, אבער אין אלגעמיין שטרעבט דער אנאנימער שרייבער, אז אלע טישלעך זאלען בעזייטיגט ווערען, אהן אינטערשיד פון פלייש, פיש, ירקות און אנדערע פראדוקטען. מיט איין ווארט דער מארק זאל בטל ווערען.

ווען דער אינהאלט פון אנאנימען בריעף איז בעוויסט געווארען, איז געווארען א גרויסער טומעל צווישען די טישעל-שטיהערס און די אייגענטימער פון די שטעלען אויפ'ן שוהל-מארק און זיי האבען גענומען חושד זיין פערשידענע מענשען, אז זיי האבען דאס אריינגעשיקט דעם בריעף.

ווי מען הערט האט דער מחבר פון דעם בריעף אנגעמערקט דער מאכט, אז זי זאל זיך נישט רעכענען מיט די אינטערווענצען פון הרב קעסטענבערג, וועלכער איז זיך אפט משתדל אז מ'זאל נישט אראבטרייבען די הענדלער פון שוהל-מארק.

דער לעצטער פרט קלינגט עפעס גארנישט פערשטענדליך. ס'טייטשט ווי איז א יוד אזא רשע, וואס לאדי ער וויל שלעכטס טוהן ארימע יודישע הענדלער, פאדערט ער נאך. אז מ'זאל נישט לעגען קיין אכט אויף די אינטערווענצען פון א רב, וואס וויל דערצו נישט דערלאזען און וועמענס אויפגאבע ס'איז טאקע אנצונעמען זיך פאר נעקשיווערזיעטע. האט דען דער מחבר פון דאזיגען אנאנימען בריעף נישט פערשטאנען אז ער מאכט זיך מיט אזא מין מסירה נישט מעהר ווי לעכערלעך אין די אויגען פון דער מאכט?

באמת א מאדנע, אומפערשטענדליכע מעשה מיט'ן דאזיגען אנאנימען בריעף. ס'וואלט זעהר ווינשענסווערטה געווען צו דערגעהן ווער ס'זענען די מחברים פון די צוויי לעצטע אנאנימע בריעף צו ה' פרענקעל און צו דער סטאראסטווא, אזוי ווי מ'האט ענטדעקט די געהיימע האנד פון דער שווארצער קראה.

# ספארט

## לעגיא (ווארשא) — ר. ק. ס.

קומענדיגען זונטאג קומט פאר א פריינדשאפטס-מעטש צווישען דעם ווארש. ליגע מייסטער לעגיא און ר. ק. ס. צוליב דעם גוטען צואמענשטעל פון די צוויי דרושינעס האט דער מעטש ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס ביי די ספארט-ליבהאבער.

Redaktor i Wydaw. CH. M. Herc		Radomer kielce-Leben Radom Szwarlikowska 20